**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/20/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**שטייענדיג אין 'קלימאט וואך', אנאנסירט גאווערנער האקול מער פון 13.8 מיליאן דאלאר צו באשיצן ריינע וואסער און שטיצן ניו יארקע פארמער אינעם קאמף קעגן קלימאט טויש**

***פינאנצירונג געגעבן פאר 33 אגריקולטורישע פראיעקטן צו העלפן פארמער אריבער די סטעיט צו פארבעסערן וואסער קוואליטעט אין פלעצער וועלכע האבן פריאריטעט צוליבן זיין נאענט צו טייכן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז איבער 13.8 מיליאן דאלאר איז געשאנקען געווארן פאר 33 פראיעקטן אריבער די סטעיט דורך די סטעיט'ס אגריקולטורישע נישט-נקודות'דיגע וואסער פארפעסטיגונג פארמינערונג און קאנטראל פראגראם ( Agricultural Nonpoint Source Abatement and Control Program, "Ag Non-Point"). די פינאנצירונג שטיצט אגריקולטורישע וואסער קוואליטעט אפהיטונג פראיעקטן וועלכע וועלן בענעפיטירן 80 פארמס, פארבעסערן די וואסער קוואליטעט אין פלעצער וועלכע האבן פריאריטעט צוליבן זיין נאענט צו טייכן און באשיצן די ענווייראמענט. די אנאנס קומט דורכאויס 'קלימאט וואך' פון 2023, און עס איז טייל פון גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו באשיצן די סטעיט'ס נאטורליכע קוועלער און ענווייראמענט דורך ניו יארק סטעיט'ס פירנדע קלימאט אגענדע.

"ניו יארק סטעיט איז פון לאנג געווען א פירערין אין דעם קאמף קעגן קלימאט טויש, און היינט בין איך שטאלץ צו זאגן אז מיר זעצן פאר די טראדיציע מיט די רונדע פינאנצירונג", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "באהיטן אונזער ענווייראמענט הויבט זיך אן מיטן זיכער מאכן אז קאמיוניטיס אריבער די סטעיט האבן די מיטלען צו קענען איינפירן ענווייראמענט-פריינטליכע מאסנאמען און די בעסטע פארוואלטונג סטאנדארטן. די פראיעקטן וועלן באשיצן ריינע וואסער אריבער ניו יארק סטעיט און העלפן ניו יארק'ס פארמער צו פארזעצן זייער ארבעט צו פארמינערן די השפעות פון די קלימאט — שאפנדיג א לעבטיגערע צוקונפט פאר יעדן."

די 33 פראיעקטן וועלכע האבן באקומען פינאנצירונג אין 22 קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס (Soil and Water Conservation Districts) וועלן העלפן פלאנירן פאר ענווייראמענטאלע הינזיכטן אויף די פארם און צו איינפירן די בעסטע פארוואלטונג סטאנדארטן ( best management practice, BMP) סיסטעמען צו היטן אז ארגאנישע כעמיקאלן און אנדערע כעמיקאלן וועלכע קענען מעגליך זיין פארפעסטיגנד זאלן נישט אריינרינען אין די וואסערן, צו פארשטערקערן די געזונטהייט פון די זאמד און ארויסהעלפן פארמער צו זיין מער שטאנדהאפטיג קעגן קלימאט טויש-אנגעברענגטע עקסטרעמע רעגנס. BMP'ס רעכענען אריין פארשידענע מאסנאמען, אריינרעכענענדיג צו איינפלאנצן באשיצנדע פלאנצונגען לענגאויס וואסער שטרוימען, איינפלאנצן ערד מיט פלאנצונגען אויך אין א יאר וואס די ערד ווערט נישט גענוצט (קאָווער קראפּס), פארבעסערן די פארוואלטונג פון די ארגאנישע כעמיקאלן דורכן האלטן אפפאל פון בהמות אין ריכטיגע סטארעדזש און אזוי אויך אנדערע מאסנאמען צו היטן אויף די וואסער ריינקייט.

די 29'סטע רונדע גרענטס פאר דעם 'אגריקולטורישע נישט-נקודות'דיגע וואסער פארפעסטיגונג פארמינערונג און קאנטראל פראגראם' זענען געשאנקען געווארן פאר:

- **מערב ניו יארק:** $764,876 צו ארבעטן מיט זעקס פארמס
- **פינגער לעיקס:** $2,869,595 צו ארבעטן מיט 28 פארמס
- **צענטראל ניו יארק:** $5,548,936 צו ארבעטן מיט 23 פארמס
- **סאוטערן טיער:** $2,381,037 צו ארבעטן מיט זיבן פארמס
- **מאוהאק וואלי:** $1,166,366 צו ארבעטן מיט דריי פארמס
- **נארט קאנטרי:** $844,882 צו ארבעטן מיט ניין פארמס
- **מיד האדסאן:** $248,211 צו ארבעטן מיט פיר פארמס

פאר א פולע ליסטע פון פראיעקטן וועלכע האבן באקומען גרענטס, באזוכט ביטע די דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס'ס (Department of Agriculture and Markets) וועבזייטל.

אין אנטווארט צו די אנאנס איבער די 29'סטע רונדע האט די דעפּארטמענט ערהאלטן 96 פארשלאגן פאר פינאנצירונג. צווישן די אפליקאציעס, האבן 46 פארמס אפלייט פאר הילף מיט קאָווער קראפּס אויף אומגעפער 25,000 אקער און 61 פארמס האבן אפלייט פאר באשיצנדע פלאנצונגען לענגאויס 100 אדער פון שטרוימען אדער טייך ברעגעס.

אין לויף פון די פארגאנגענע 29 יאר האט ניו יארק סטעיט געשטיצט פראיעקטן דעקנדיג איבער 600 באזונדערע פלעצער וואס זענען נעבן וואסערן אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג איבער 1000 אויספלאנירטע סיסטעמען צו מאכן רייעס צווישן די שטחים וואו בהמות פאשענען וועלכע ברענגען אריין פארשידענע פון די בעסטע פארוואלטונג סטאנדארטן, איינפלאצנדיג אזעלכע סארטן פלאנצונגען וואס לעבן פאר לענגער פון צוויי יאר כדי צו פארבעסערן די געזונטהייט פון די זאמד און אזוי אויך האלטן בהמות ווייט פון וואסערן וואס זיי קענען פארפעסטיגן. פארוואלטונג פון ארגאנישע כעמיקאלן און בהמות אפפאל סטארעדזש פראיעקטן וועלכע ווערן געשטיצט דורך דעם פראגראם העלפן פארמס אקטיווערהייט באלאנסירן די סופליי פון ארגאנישע כעמיקאלן און די פארלאנג פון די פלאנצונגען פאר די ארגאנישע כעמיקאלן וועלכע בענעפיטירן די ענווייראמענט און פארשטערקערן די לאנגיאריגע הצלחה פון די פארמס. מער פון 800 אקער פון באשיצנדע פלאנצונגען זענען איינגעפלאנצט געווארן צו פילטרירן ארגאנישע כעמיקאלן און אנדערע שמוץ אין די וואסער, באשיצנדיג די טייכן און שטרוימען, סטאביליזירנדיג ברעגעס, פארבעסערנדיג די וואוינערטער פון ים באשעפענישן און רעדוצירנדיג השפעות פון פארפלייצונגען.

אין צוגאב זענען לייכטערע ערד אויפאקערן סטאנדארטן איינגעפירט געווארן אויף מער פון 12,000 אקער, און מער פון 145,000 אקער פון קאָווער קראפּס זענען איינגעפלאנצן געווארן צו העלפן פארמיידן כעמיקאלן פון אפגעשווענקט ווערן, פארבעסערן די געזונטהייט פון די זאמד און פארמערן די מאס פון ארגאנישע מאטעריאל אין די זאמד וואס האלט אן צו מער פייכטקייט פאר די פלאנצונגען דורכאויס די גאנצע סעזאן ווען זיי וואקסן. קאָווער קראָפּס טוהען אויך אפזונדערן קארבאן, און העלפן ניו יארק׳ס פאַרמערס באקעמפן קלימאט ענדערונג. דורך די 29'סטע רונדע פון דעם פראגראם וועלן איבער 19,000 אקער פון קאָווער קראפּ איינגעפלאנצט ווערן. באשיצנדע פלאנצונגען אויף די זייטן פון וואסער שטרוימען און טייכן זענען נאך א שיטה צו אפזונדערן קארבן פון די וואסער אין אונזער סטעיט'ס פארם לענדער, אין צוגאב צו דאס ברענגען בענעפיטן פאר די וואסער קוואליטעט. איבער 50 אקער פון באשיצנדע געווירצן אדער וואלד ביימער וועלן איינגעפלאנצט ווערן אין די 29'סטע רונדע.

**סטעיט אגריקולטור דעפּארטמענט קאמישאנער, ריטשארד א. באל, האט געזאגט,** "ענווייראמענטאלע אחריות'דיגקייט און אגריקולטורישע שטאנדהאפטיגקייט זענען אייביג געגאנגען האנט ביי האנט, און דאס איז די סיבה פארוואס די סארט פראגראמען זענען אזוי וויכטיג. ניו יארקע פארמער זענען פארפליכטעט צו אנפירן זייערע פארמס אויף א וועג וואס רעדוצירט זייער השפעה אויף די ענווייראמענט און וואס באשיצט אונזערע נאטורליכע קוועלער. די פינאנצירונג וועט זיי גיבן די כלים וואס זיי דארפן צו איינפירן די ענווייראמענט-פריינטליכע, שפארזאמע ענווייראמענטאלע פארוואלטונג פראגראמען וועלכע וועלן באשיצן ניו יארק'ס נאטורליכע קוועלער פאר פילע יארן אין די צוקונפט. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, אונזערע קאונטי זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס אריבער די סטעיט און אוודאי אלע פארמער וועלכע האבן אפלייט צו באקומען די געלטער."

**ניו יארק סטעיט ענווייראמענטאלע אפהיטונג דעפּארטמענט קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "אזוי ווי ניו יארק זעצט פאר צו צוזעהן ערשטהאנטיג די השפעות פון קלימאט טויש אויף אונזערע טעגליכע לעבנס, איז דאס יעצט וויכטיגער פון סיי ווען צו אינוועסטירן אין באמיאונגען צו פארמערן די שטאנדהאפטיגקייט און באשיצן נאטורליכע קוועלער פאר צוקונפטיגע דורות. די 13.8 מיליאן דאלארדיגע געשאנקענע גרענטס וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן זענען א באדייטנדע אינוועסטירונג צו שטיצן די אנגייענדע באמיאונגען פון ניו יארק'ס פארמער און אגריקולטורישע קאמיוניטיס צו באהיטן די קוואליטעט פון וואסער קוועלער און זאמד, כדי צו קענען אנגיין מיט אגריקולטורישע אפעראציעס און שטיצן עקאנאמישע וואוקס אריבער די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט זאמד און וואסער אפהיטונג קאמיטע ( Soil and Water Conservation Committee) טשעירמאן, דעיל סטיין, האט געזאגט,** "איך וויל גראטולירן די וועלכע האבן באקומען גרענטס היי יאר פון דעם אגריקולטורישע נישט-נקודות'דיגע וואסער פארפעסטיגונג פראגראם. די פארמס היטן אויף די לאנגיאריגע טראדיציע פון ניו יארקע פארמס צו ארבעטן צו פארבעסערן און באררייכערן די ענווייראמענט אויף זייערע לענדער. ניו יארק שטייט אין שפיץ פונעם לאנד מיט ענווייראמענטאלע ארבעט וואס ווערט געטוהן אויף לענדער דורך פארמער צו אפהיטן, באשיצן און באררייכערן די ענווייראמענט פאר צוקונפטיגע דורות."

**סענאטארשע מישעל הינטשי, סענאט אגריקולטור קאמיטע פארזיצערין, האט געזאגט,** "אלס די וועכטער פון אונזערע נאטורליכע קוועלער, ארבעטן ניו יארקע פארמער געוואלדיג שווער צו באהיטן אונזערע לענדער און וואסערן צו פראדוצירן די געזונטע, לאקאלע עסנווארג אויף וועלכע מיר פארלאזן זיך. ניו יארק'ס ענווייראמענטאלע פארשריט איז געבינדן צו שטארקע שותפות'ן מיט אונזער אגריקולטורישע קאמיוניטי, און דער לאנגיאריגער גרענט פראגראם וועט העלפן אונזערע פארמער צו פארזעצן די וויכטיגע ארבעט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דאַנע לופּאַרדאָו, אסעמבלי אגריקולטור קאמיטע פארזיצערין, האט געזאגט,** "אונזערע זאמד און וואסער אפהיטונג דיסטריקטס ארבעטן שווער צו באשיצן ניו יארק'ס נאטורליכע קוועלער דורכן פלאנירן און שטופן פאר די בעסטע סטאנדארטן צו איינגעפירט ווערן. דער אגריקולטורישע נישט-נקודות'דיגע וואסער פארפעסטיגונג פראגראם גיבט זיי די מיטלען וואס זענען נויטיג צו אנטוויקלען אייגנארטיגע לייזונגען אויף די פארמס פאר ניו יארק'ס פארמער. איך וויל באדאנקען די גאווערנער, די אגריקולטור און מארקעטס דעפּארטמענט און מיינע קאלעגן אין די לעגיסלאטור פארן שטיצן וואסער פארפעסטיגונג פארמיידונג דורך די ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע. איך וויל אויך באדאנקען די פארמער וועלכע באקומען די געלטער פאר זייער ענווייראמענטאלע אחריות'דיגקייט."

די ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס פירט אן דעם אגריקולטורישע נישט-נקודות'דיגע וואסער פארפעסטיגונג פארמינערונג און קאנטראל פראגראם אין קאארדינאציע מיט די ניו יארק סטעיט זאמד און וואסער אפהיטונג קאמיטע. דער פראגראם איז טייל פון די אגריקולטורישע

ענווייראמענטאלע פארוואלטונג פרעימוואָרק — א ברייטערע אונטערנעמונג צו העלפן פארמער אנקומען צו העכערע שטאפלען פון אחריות צו די ענווייראמענט און צו מער ווירקזאמע און שפארזאמע פארמינג סיסטעמען.

דער 'אגריקולטורישע נישט-נקודות'דיגע וואסער פארפעסטיגונג פארמינערונג און קאנטראל פראגראם' בויט ארויף אויף די סטעיט'ס באמיאונגען צו צושטעלן היסטארישע וואסער קוואליטעט באשיצונגען, אריינרעכענענדיג די סטעיט'ס פרעצעדענטלאזע 3.5 ביליאן דאלארדיגע פארפליכטונג צו זיכער מאכן אז אלע ניו יארקער האבן צוטריט צו ריינע וואסער און אזוי אויך אירע אגרעסיווע שריט וועלכע זענען אונטערגענומען געווארן צו באקעמפן קלימאט טויש.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

אונטער די גאווערנער'ס פירערשאפט זעצט ניו יארק סטעיט פאר צו שטיין אין שפיץ פונעם לאנד מיט איר שטארקע קלימאט און ריינע-ענערגיע אגענדע. אלס טייל פון די סטעיט'ס ברייטערע קלימאט איניציאטיוון, העלפן עטליכע אגריקולטורישע פראגראמען וועלכע ווערן אנגעפירט דורך די דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס צו באשיצן די וואסער קוואליטעט אויף פארמס און צו פרעזערווירן פארם שטחים. ניו יארק סטיעט'ס לאנד-פירנדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קומט אויס צו 5 ביליאן זייט 2017. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנער האקול רעכנט די אריבערגעפירטע בודזשעט פאר 2023-24 אריין 500 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג וואסער ריינקייט, אריינרעכענענדיג פארגעזעצטע שטיצע פאר דעם 'קלימאט-שטאנדהאפטיגע פארמינג פראגראם' ( Climate Resilient Farming Program, CRF), אין צוגאב צו די צוגאב פון דעם Ag Non-Point פראגראם —ביידע פון וועלכע בויען ארויף אויף די סטעיט'ס באמיאונגען צו ברענגען היסטארישע וואסער קוואליטעט באשיצונג מאסנאמען. די CRF און Ag Non-Point פראגראמען פונקציאנירן אלס טייל פון די אגריקולטורישע ענווייראמענטאלע פארוואלטונג (Agricultural Environmental Management, AEM) פרעימוואָרק — א ברייטערע אונטערנעמונג צו העלפן פארמער אנקומען צו העכערע שטאפלען פון אחריות צו די ענווייראמענט און צו מער ווירקזאמע און שפארזאמע פארמינג סיסטעמען.

אין צוגאב איז די דעפארטמענט א צענטראלע טייל פון די סטעיט'ס קלימאט שריט קאונסיל ( Climate Action Council) וואס האט לעצטנס פארענדיגט א סעריע פון סעסיעס פאר די פובליק צו לאזן קאמענטארן אויף איר 'סקאָופינג' פלאן. די 'סקאָופינג' פלאן וועט דינען אלס א דעטאלירטע סטראטעגיע וויאזוי ניו יארק וועט רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און אנקומען צו באלאנסירטע עמיסיעס, פארמערן די באנוץ מיט ריינע ענערגיע און זיכער מאכן אז אלע קאמיוניטיס בענעפיטירן אויף א גלייכן פארנעם פון די אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע.

ניו יארק סטעיט איז אויך אנגעקומען צו א באדייטנדע דערגרייכונג ביים באשיצן ווערטפולע און איינגעשטעלטע פארם לענדער דורך איר 'פארם לענדער באשיצונג איינפירונג גרענט' ( Farmland Protection Implementation Grant, FPIG) פראגראם. ביז היי יאר האט דער FPIG פראגראם געהאלפן פרעזערווירן מער פון 107,000 אקער פון ניו יארקע פארם לענדער דורך פארענדיגטע אפהיטונג באגרעניצונג ('קאנסערוועישען איזמענט') פראיעקטן פאר א סך הכל פון מער פון 250 מיליאן דאלאר אויף כמעט 370 פארמס.

אין סעפטעמבער פון 2022 האט די ניו יארק סטעיט איניציאטיוו, 'NYS פארבינדט: קלימאט קלוגע פארמס און וועלדער פראיעקט' (NYS Connects: Climate Smart Farms and Forests Project), אויך געשאנקען געווארן א 60 מיליאן דאלארדיגע גרענט דורך די פאראייניגטע שטאטן אגריקולטור דעפארטמענט (United States Department of Agriculture, USDA) 'שותפות פאר קלימאט-קלוגע סחורות' (Partnerships for Climate-Smart Commodities) פינאנצירונג געלעגנהייט. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental

Conservation) און דעפּארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס, איז דער פראיעקט איינס פון 70 אויסדערוועהלטע פראיעקטן איבערן לאנד צו באקומען פעדעראלע פינאנצירונג צו העלפן ברענגען פארמער און וואלד אייגנטימער צו איינפירן קלימאט-קלוגע סטאנדארטן און העלפן בויען קשרים צווישן די פארם און וואלד סחורות און קליענטן דורך מארקעט דעוועלאפמענט.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418